# מכתב כללי לכבוד פסח


מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש

770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין, נ.י.

RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn. N.Y. 11213

HYacinth 3-9250


ב"ה, י"א ניסן, ה'תשכ"ה
ברוקלין, נ. י.

אל בני ובנות ישראל
בכל מקום שהם
ה' עליהם יחיו

שלום וברכה!

דער אויבערשטער האָט באַשטימט, אַז יציאת מצרים זאָל פּאַרקומען אין חודש האביב (פרילינג חודש). און די תורה זאָגט אָן, אַז מען מוז ספּעציעל אַכטונג געבן אַז פסח זאָל אַלעמאָל אויסקומען אין פרילינג חודש: שמור את חודש האביב ועשית פסח לה' אלקיך, כי בחודש האביב הוציאך ה' אלקיך ממצרים לילה – "היט דעם פרילינג חודש און מאַך פסח פאַר ג-ט דיין ג-ט, וואָרום אין פרילינג חודש האָט דיך ג-ט דיין ג-ט אַרויסגעפירט פון מצרים באַנאַכט".

כדי אָפּצוהיטן, אַז פסח זאָל אויספאַלן אין חודש האביב – נעמענדיק אין אכט, אַז אונזער לוח איז איינגעשטעלט לויט דער לבנה, וואָס דאָס שאַפט אַ יערלעכן אונטערשיד פון אַרום עלף טעג לגבי דער זון, און די זון באַשטימט דאָך די תקופות פון יאָר – האָבן מיר יעדע צוויי אָדער דריי יאָר אַן "עיבור יאָר" – אַזוי ווי הייאָר – ווען עס קומט צו אַ גאַנצער חודש, אדר. אַזוי אַרום ווערט "אויסגעגליכן" דאָס יאָר פון דער לבנה מיט דעם יאָר פון דער זון, און פסח פאַלט אויס שטענדיק אין דעם חודש האביב. און דורך דעם ווערן אויך די חדשים פון יאָר, און אַלע ימים טובים, רעגולירט און אָנגעשטעלט אין זייער ריכטיקער צייט.

★ ★ ★

דאָס וואָס יציאת מצרים איז פּאַרגעקומען אין פרילינג חודש, ווערט דערקלערט פון אונזערע חכמים ז"ל אַלס אַ ספּעציעלער חסד פון דעם אויבערשטן, וואָס ער האָט די אידן אַרויסגעפירט פון מצרים אין דער בעסטער צייט פון יאָר. אָבער ווי אין אַלע ענינים פון תורה, איז אויך אין דעם פאַראַן פילע אָנווייזונגען, רמזים און טעמים פאַרן כלל און פאַרן פרט. איינע פון די נקודות וואָס איך וויל דאָ אַרויסברענגען, וועט קלאָר ווערן ווען מען באַטראַכט די אומשטענדן באַ וועלכע עס איז פּאַרגעקומען יציאת מצרים:

הונדערטער יאָרן זיינען די אידן געווען פאַרשקלאַפט באַ אַ פאָלק וואָס האָט דאַן באַהערשט אַלע אַרומיקע פעלקער, ניט נאָר מיטן גראָבן כוח פון "רייטוועגענער און רייטער" (רכבו ופרשיו), נאָר אויך מיט זיין געוואַלדיקער איבערגעוויכט אין די געביטן פון וויסנשאַפט, אין אַלץ וואָס מען רופט היינט אָן "קולטור" און "ציוויליזאַציע".

די קולטור און ציוויליזאַציע פון מצרים האָבן זיך געשטיצט אויף די נאַטור-כוחות און נאַטור דערשיינונגען, ספּעציעל – דער טייך נילוס. דאָס לאַנד מצרים איז כמעט אינגאַנצן פריי פון רעגן; מענטשלעכע דערפינדלעכקייט האָט אָבער געשאַפן אַ קינסטלעכע באַוואַסערונג, וואָס האָט פאַרוואַנדלט מצרים אין אַ פרוכטבאַרן גאָרטן, אַרומגערינגלט פון מדבריות.

די דאָזיקע אומשטענדן האָבן מיטגעבראַכט אַ פאַרצווייגטע געצנדינערישע קולטור, וואָס האָט געהאַט צוויי הויפּטשטריכן: די פאַרגעטערונג פון די כוחות פון דער נאַטור, און די פאַרגעטערונג פון די כוחות פונם מענטשן וואָס האָט פאַרשטאַנען ווי אויסצוניצן די כוחות פון דער נאַטור. דערפון איז בלויז אַ קורצער שריט צו דער פאַרגעטערונג פון פרעה'ן, וועלכער האָט פאַרקערפּערט אין זיך דעם מצרישן אידעאַל פון דעם "געניאַלן" מענטשן.

אַזאַ סיסטעם, וואָס האָט באַטראַכט די וועלט אַלס אַ צוזאַמענשטעל פון מערערע "נאַטור כחות", צווישן וועלכע עס איז אויך דער "כח" פון מענטשן, מיט'ן צוגאָב פון דער פילאָזאָפיע אַז כוחי ועוצם ידי עשו לי את החיל הזה – "מיין כוח און די מאַכט פון מיין האַנט האָבן מיר איינגעשאַפן דעם גאַנצן פאַרמעגן"; האָט געפירט צו דער נידעריקסטער גייסטיקער און מאָראַליש-עטישער געפאַלנקייט, וועלכע האָט אויך "באַרעכטיקט" די אומפאַרשעמטסטע פאַרשקלאַפונג און גרויזאַמקייטן צו דעם פיזיש-שוואַכערן מענטש אָדער פאָלק.

★ ★ ★

די געצנדינסט און איבערגלויבן פון די מצריים האָבן דערגרייכט זייער שטאַרקסטן אויסדרוק אין דער צייט פון דער יערלעכער באַנייאונג פון די כחות פון דער נאַטור – אין דעם פרילינג חודש, דער חודש פון "מזל טלה", און דער שעפּס איז געווען פון די הויפּט־סימבאָלן פון דער מצרישער עבודה־זרה.

★ ★ ★

און אָט קומט משה רבנו מיט דער בשורה פון "פקוד פקדתי" – אַז עס איז געקומען די צייט ווען דער ג-ט פון אברהם יצחק און יעקב האָט באַשלאָסן צו באַפרייען די אידן פון פרעה'ס הענט און פון גלות מצרים.

ס'איז שוין געווען 210 יאָר ווי די אידן זיינען געווען אונטערגעוואָרפן צו פרעה'ן; אַ טייל אידן זיינען שוין אפילו געווען פאַרשלונגען פון דער מצרישער "קולטור"; קיין הילף פון די אַרומיקע פעלקער האָט מען ניט געקענט דערוואַרטן; קיין איינציקער שקלאַף האָט

(ביז דאַן) ניט געקענט באַפרייען זיך פון מצרים; עס איז פשוט ניט געווען קיין שום אויסזיכט, פון אַ נאַטירלעכן שטאַנדפונקט, צו באַפרייען דאָס אידישע פאָלק פון מצרים – און דאָך פאַרזיכערט זיי משה רבנו, אַז די צייט פון באַפרייאונג איז געקומען. עס איז אָבער פאַראַן איין באַדינג: משכו וקחו לכם צאן למשפחותיכם ושחטו הפסח!

משכו – ציט זיך צוריק פון דער עבודה־זרה פונם לאַנד; וקחו לכם גו' – נעמט אייך אַ שעפּס (דאָס וואָס די מצריים האָבן פאַרגעטערט) און שעכט אים אַלס קרבן פסח פאַר ג־ט. ס'איז ניט גענוג צו פאַרלייקענען די מצרישע עבודה־זרה באַ זיך אין האַרצן, אָדער אפילו באַ זיך אין דער היים, פאַרבאָרגענערהייט און שטילערהייט; נאָר דוקא אין דער עפנטלעכקייט, אָן מורא, לויט אַלע פּרטים וועלכע זיינען געווען פאַרבונדן מיטן קרבן פסח אין מצרים.

און דאַן פאַרזיכערט משה רבנו אין נאָמען פון דעם אויבערשטן, אַז ניט נאָר מ'וועט באַפרייט ווערן פון מצרים, נאָר אַז פרעה אַליין וועט זיי הייסן אַרויסגייען פון מצרים; די גאולה וועט פאָרקומען ניט אין דער צייט ווען די כוחות פון דער נאַטור זיינען איינגעדרעמלט און פאַרבאָרגן, נאָר דוקא אין חודש האביב, אין דעם רעכטן מיטן פון דעם פרילינג חודש, ווען די נאַטור אַנטפּלעקט אירע שטאַרקסטע כוחות.

דערמיט ווערט אונטערשטראָכן, אַז עס זיינען ניטאָ קיין אָפּגעזונדערטע וועלטן: אַ וועלט פון נאַטור און נאַטור כחות און אַ וועלט פון "העכער פון וועלט", וואָס אַמאָל באַהערשט איינע די צווייטע און אַמאָל פאַרקערט; עס איז דאָ בלויז איין און איינציקער ג־ט, וואָס ער איז דער אַבסאָלוטער בעל־הבית איבער דער גאַנצער וועלט, און פאַראיינציקט אויך די גאַנצע וועלט.

די דאָזיקע אַנערקענונג איז געקומען צום העכסטן אויסדרוק באַ מתן־תורה, דער קולמינאַציאָן פּונקט פון יציאת מצרים, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן מיט: אנכי ה' אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים מבית עבדים; לא יהי' לך אלקים אחרים גו' – "איך בין ג־ט, דיין ג־ט, וואָס האָט דיך אַרויסגעפירט פון לאַנד מצרים, פון דער היים פון פאַרשקלאַפונג; עס זאָל באַ דיר ניט קיינע אָפּגעטער".

★ ★ ★

פּונקט ווי אין מצרים אַמאָל, אַזוי אויך היינט זיינען פאַראַן אַזעלכע וועלכע בויען זייער לעבן אויפ'ן פאַרגעטערן די אַזוי גערופענע נאַטור כחות מיט'ן צוגאָב פון דעם כוחי ועוצם ידי פון דעם מענטש. מאַנכע האָבן געפונען אַן "אויסוועג", אַז באַ זיך אין דער היים, האָט ער אַן אָרט פאַר דעם אויבערשט'ן אויך – אָבער אין געזעלשאַפט איז ער "מיט לייטן גלייך", נהי' כגוים, ואדרבה – נאָך מער גוי – ווי זיי.

קומט יום טוב פסח און דערמאָנט ווידער אַמאָל: פקוד פקדתי – איר האָט קיין ברירה ניט. דער אויבערשטער געדיינקט אייך און עס מוז זיין – משכו – אָפּוואַרפן די עבודה־זרה פונם לאַנד, אין וואָס פאַר אַ פאָרם זי זאָל זיך ניט אויסדריקן און טאָן דאָס עפנטליך, אָן מורא, און מיט שטאָלץ. וקחו לכם – נעמען זיך און אַלץ וואָס איר האָט, אַלע מעגלעכקייטן און כחות וואָס איר פאַרמאָגט – צו זיך, צו אייער אמת'ן אייביגן אידישן "איך".

און טאָן דאָס אַלץ בחדש האביב – ניט לאָזן זיך פאַרטומלען פון די פאַרפירער אַז ווייבאַלד אַז עס איז דאָ אַ בליענדע וועלט מיט דעם מענטש אינמיטן און זיין כח ועוצם ידו – איז אלה אלקיך, דאָס איז דיין אָפּגאָט און צו דעם ביזט דו פאַרשקלאַפט און ניטאָ קיין אָרט ר"ל פאַר דעם אויבערשטן –

נאָר אדרבה – בחדש האביב הוציאך ה' אלקיך ממצרים – ג־ט, וואָס ער איז דיין ג־ט נעמט דיר אַרויס פון פאַרשקלאַפונג אין חדש האביב – די בליענדע וועלט מיט די וואונדער אַף וואונדער וואָס מען זעט אין איר ברייינגען עס צו נאָך קלאָרער דערזען דעם אמת – און דעם נוסח פון אונזערע חכמים ז"ל – אַז ה' אלקינו (איז) מלך העולם (דער קעניג פון וועלט) שלא חיסר בעולמו כלום (אז ער האָט געמאַכט אַז עס זאָל אין איר גאָרניט פעלן).

★ ★ ★

דער אויבערשטער זאָל העלפן און מצליח זיין, אַז פסח – זמן חירותנו זאָל ברענגען יעדן איינעם און איינער בתוך כלל ישראל צו דער אמת'ער באַפרייאונג פון אַלע שטערונגען און באַגרענצונגען און מ'זאָל דינען דעם אויבערשטן בלבב שלם.

און די גאולה פון דעם פּרט זאָל ברענגען צו דער גאולה פון כלל ישראל, די גאולה האמתית והשלימה על ידי משיח צדקנו במהרה בימינו.

בברכה לחג הפסח כשר ושמח,

**מ. שניאורסאהן**

---

האָט באַשטימט: ראה שמות רבה פט"ו, יא: החדש הזה כו' כשבחר ביעקב ובניו קבע כו'. אור התורה (להצ"צ) ע"פ זה (ע' רסד).

זאָגט אָן . . שמור: דברים טז, א. ולרמב"ן (לשרש הא' דסהמ"צ להרמב"ם) ולבעל ההלכות – זוהי מ"ע (לעבר שנים, או – מושמרת את החוקה). וראה סהמ"צ סוף מ"ע קנג: באו רמזים כו' שמור כו' הורה כו'. וביד הל' קדה"ח בתחלתו ורפ"ד.

ווערט דערקלערט: מכילתא לשמות יג, ד (הובא בפרש"י שם).

איינע פון: ראה רמב"ן בא (יב, ג). צרור המור שם (יב, א). ועיין זח"ג (רנא, א).

באַהערשט אַלע: מכילתא לבשלח יד, ה: הי' פרעה שולט מסוף העולם ועד סופו. וראה זח"ב ו, א.

געוואַלדיקער איבערגעוויכט: ראה זח"א קכה, סע"א.

ספעציעל . . נילוס: יחזקאל כט, ג.

פריי פון רעגן: ראה רש"י ויגש מז, י. דברים יא, י.

מענטשליכע דערפינדלעכקייט: רש"י ר"פ מקץ.

פון פרעה'ן: שמו"ר פ"ח, ב. תנחומא שם.

כוחי ועוצם ידי: דברים ח, יז. וראה סמ"ג מל"ת סד: וארא בחלום כו' שכחת את העיקר כו' והתבוננתי כו' והנה יסוד גדול הוא כו'.

דער נידעריקסטער: ויקרא יח, ג ובתו"כ (ובפרש"י) שם. ובקה"ר עה"פ והארץ לעולם עומדת דמצרים דוגמת ערוה באדם.

שטאַרקסטן אויסדרוק: רמב"ן וצרור המור שם.

אַ טייל אידן: שמו"ר פי"ד, ג. וראה תניא פל"א.

קיין איינציגער שקלאַף: מכילתא יתרו יח, יא.

איין באַדינג – ציט זיך: שמו"ר פט"ז, ב: כל זמן כו' משכו כו' שבכך כו'.

וקחו לכם: למשפחותיכם (דוקא), וכהודעת משה בבנינו ובבנותינו – כל הארבעה בנים (ובנות), מן החכם ועד השאינו יודע לשאול.

אין דער עפנטליכקייט: ראה שו"ע רבנו הזקן ר"ס תל.

דער קולמינאַציאָן פונקט: כמש"נ בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את ה' (שמות ג, יב). וראה ז"ח ר"פ יתרו: בכל יומא אפיק כו'. וראה תניא פל"א שם.

נהי' כגוים: יחזקאל כ, לב.

קיין ברירה ניט: יחזקאל שם. תנחומא נצבים ג. נתבאר בקונטרס ומעין מי"א, פ"ג.

לכם . . אידישן "איך": ראה שמו"ר פט"ו, כג: לכם הה"ד יהיו לך לבדך ואין לזרים אתך.

אדרבא – בחדש האביב: להעיר מלקו"ת במדבר (ג, א). סד"ה החדש הזה – לכ"ק מו"ח אדמו"ר – בס' המאמרים ה'ש"ת.

הוציאך . . ממצרים: לילה. וכן גם עתה אין להתרשם מזה שלאחרים לילה ואין רואים את האמת, כי הנה בחושך יכסה ארץ וערפל לאומים ועליך יזרח ה' וכבודו עליך יראה (ישעי' ס, ב).

אין חדש האביב . . אין דעם נוסח: ברכות מג, ב. והנה לכמה אחרונים (או"ח סרכ"ו) ניסן לאו דוקא, אבל י"א דדוקא הוא (שד"ח אסיפת דינים מע' ברכות רס"ב. וש"נ). והנה אדמו"ר הזקן בלוח ברכות הנהנין (הראשון) כ' דאחר ל' יברך בלא שם ומלכות (מוכח דניסן לאו דוקא), אבל בסדר ברה"נ (שבסידורו פי"ג סי"ד) השמיט זה. ואף שי"ל בדוחק דטעמו מפני דס"ל דאין לברך כלל אלא פעם אחת (ועדיין יקשה למה לא ביאר דברי השו"ע "בימי ניסן" דהיינו לאו דוקא – כמו שהוסיף ביאור בכמה דינים שבברה"נ), י"ל – דהשמיט מפני דבמשנה האחרונה ס"ל ד"בימי ניסן" כפשוטו – בדוקא, וא"כ א"א "לאחר ל'". ואכמ"ל.